און מיט קאס, וואָס שוין אָנמעכטיק, ווי פאר זיך אליין און פארן אָנגעלויף זייערן זיך געשעמט און אין אָפּהענטיקײַט גע־שטאנען.

— און דער מענטש ?

— דער מענטש האָט דערציילט און וואָרט געהאלטן.

און אזוי האָט דער שעד דאן זײַן מײַסע געענדיקט.

---

פֿון מײַנע ביכער כאַרקאָװ 1929



דעם עלנט און טראגיש אומגעקומענעם
כאווער מײַנעם,
מיכל שפאל —
— א זייכער.

# א פּאָרשפּיל

סצענע שטעלט פאָר: פינצטערלעכע קוליסן; געמיין געפּארבטע לײַוונטן אף הילצערנע ראמען אָנגעצויגן; אייניקע שטייען, אייניקע ליגן, וואלגערן זיך; פוסטע און פארלאָזענע דורכגאנגען און דורכ־גענגלעך, שמאָלע קאָרידאָרן מיט טירן פון אקטיאָר־צימערלעך; פינצטערע סטעליע מיט שטריק און לייטערס, אראָפּהענגענדיקע און אויך אף ארוף פארבונדענע. בא דער לינקער זײַט פון סצענע א ווענטל אופגעשטעלט. פון א שטוב מיט אן אויבערשטיבל פירט א גאניקל ארויס. דאָס גאניקל איז ליידיק, קיינער ניטאָ אף דעם, נאָר א שוואַכע ליכט קומט פון אויבערשטיבל ארויס און מאכט עס ליכטיקלעך. פון דער רעכטער זײַט, פון א דורכגאנגל, באווײַזט זיך דער אקטיאָר: אין א שווארצן הענגמאנטל אָנגעטון. האלט זיך אין אים, ווי ער וואָלט פון אונטן נישט רעכט אָנגעטון געווען, און די פיס זײַנע זײַנען אין לאנגע שווארצע זאָקן אָנגעצויגן און מיט לײַכטע שטעקשיך נאָר, זעט אויס, ווי פון שלאָף געקומען, ער קומט אף דער מיט סצענע ארוף, בלײַבט שטיין און מיט זײַן בליק צו גאניקל געווענדט.

ד ע ר  א ק ט י אָ ר: שפּילן... און ווען קײַן אוילעם איז ניטאָ, איז פאר זיך אליין, און פאר זיך אליין איז אומעטיק זייער, דארף מען פון זיך צוויי מאכן: זאָל איינער שפּילן, דער אנ־דערער קוקט.

(ער נעמט גלײַך און טוט זיך מיט זײַן האנט פון זיין מיט אויבן ביז די פיס אונטן א פיר, ווי אף העלפט צעטיילט זיך, און באלד איז ער שוין צעטיילט טאקע: איין העלפט אין מאנטל אָנגעטון,

זיצט אפן גאניקל, ווי א צוקוקער פון אויבן, און די צווייטע העלפט,
ער אליין, שטייט, ווי פריִער געשטאַנען, אף דער סצענע און אף
דער מיט, אָבער שוין אָן דעם מאַנטל און אין לײַב-קאָליר, און מיט
זײַן פּאָנעם צום גאניקל און צו זײַן איינציקן צוקוקער געווענדט).

ד ע ר א ק ט י אָ ר : (צו זײַן צווייטער העלפט) און נישקאָשע... דו
מעגסט זיך אויך אין מײַן שפּילן מישן, קאָנסט אמאָל א וואָרט
ארײַנשטעלן, דו האָסט רעכט, ביסט דער גאַנצער אוילעם מײַנער
און האָסט אלע מײַנע בילעטן אויסגעקויפט... יאָ, און פאר דײַן
געלט קאָנסט זיך אויך א שענערע סצענע פארגינען. ביסט גע־
רעכט און איך בין גרייט צו דינען, און האָקוס־פּאָקוס...

(דער אקטיאָר טוט זיך איבער דער סצענע א לאָז, ארום און
קײַלעכיק, אָבער וואָס איז נישט צו זען, און ווי אזוי — נישט צו
באמערקן, נאָר צו אלעם איז שוין גרייט און אומגעביטן, דאן נעמט
דער אקטיאָר מיט זײַן רעכטער האנט פון דער לינקער האנט די
פינגער צו ציִען — איין פינגער, איינע א ליכט, דער צווייטער, —
א צווייטע ליכט, דער דריטער — א דריטע ליכט, און אזוי ווײַטער.
אלע פינף פינגער — פינף ליכט אָנגעצונדענע. ער צעשטעלט זיי
אין די ווינקלען און מ׳דערזעט

די סצענע שטעלט דאן פאָר : א מיטלאַלטערלעכער פלאץ, פון דרײַ
זײַטן מיט ענג געבויטע צוויי-און דרײַשטאָקיִקע מויערלעך ארום-
געשטעלט, מיט שמאָלע פענצטערלעך, מיט פארשפּיצונגען ארויף-צו,
און אין די מויערלעך זעען זיך אומעטום גאניקלעך אין די צווייטע
שטאָקן, און די גאניקלעך זײַנען ליידיק, און אין די פענצטער —
פינצטער. ס׳זעט אויס באנאכט צו זײַן, און אינמיטן פלאץ א מארק-
ברונעם געפינט זיך, און אויך דער ברונעם איז א צווייִשטאָקיקער,
פון אונטן מיט א ברייטן בעקן, און איבער אים — העכער — א
שמעלערער, און אפן שפּיץ פון ברונעם האָט א טעמפּ און גאָלדן
אָדלערל דאָס קערפּערל און די פליגעלעך אויסגעשפּרייט. באם
אקטיאָר דערזעט מען : האָט זיך עפּעס א קירצערע פּוס ארויס-
באוויזן, און בא זײַן צווייטער העלפט, בא דעם, וואָס אפן גאניקל,
זײַנען צוויי הערנערלעך, צוויי קליינע און שפּיציקע אויסגעוואַקסן.
דאָס גאניקל איז באלויכטן און דער אקטיאָר קוקט ארויף צו דעם).

ד ע ר א ק ט י אָ ר : — און איצט, ווען אלץ איז גרייט און
אופגעשטעלט, און איך בין פארטיק... (פּויזע) און די צײַט פון אָט
די מויערלעך און אָט דעם מארק־פלאץ איז פארגאנגען, און יענע
וועלט פון יענער צײַט איז שוין כאָרעוו, און נאָר איך אליין בין
פון איר א איבערבלײַב געבליבן, מיט אלעם נאָך אמאָליקן און



מיט יענע נאָך געוווינשאפטן... און איך וויל זיך מיט דעם טיילן,
און איך האָב ניט פאר וועמען, און איך וויל דאָס פאָרשטעלן,
און פון מײַנע צוקוקער איז קיין זייכער שוין נישטאָ, און אום
זיך צו זען און זיך צו הערן, האָב זיך געמוזט אף צווייען
שפּאלטן... (פּויזע) און מײַן איינזאמקײַט איז גרויס, און מײַן שפּיל-
קאמפּאניע איז צעוואָרפן, און פון דעמאָלט, און זינט אונדזער צײַט
איז פארבײַ, האָבן זיך אונדזערע שפּילער איבער דער וועלט צע־
לאָזט, און בא אנדערע און בא הײַנטיק־אופגעקומענע זיך פאר
פּאיאצן און פאר פאַרשלעפּטע קרענק געשטעלט, אום אזויער־
נאָך זייערע טעג דורכצושלעפּן און פאר זייער וויסטער און כאָ־
רעוו געוואָרענער וועלט ברויט צו פארדינען... און אונדזערע
סצענעס, וואָס זײַנען אף פרײַע מארק־פּלעצער און אף גרויסע
יארידים אופגעשטעלט געווען, האָט מען מיט ענגע פיר ווענט
און מיט נידעריקע דעכער פארביטן ; און אונדזער שפּילן, וואָס
האָט מיט לעבן און טויט געשפּילט, האָט מען אין א פּאָר לעב־
לעכע שאָ, אין פארברענגען און אין פארווײַלן פארוואנדלט ; און
אונדזערע פרויען, וואָס האָבן אמאָל די וועלט באהערשט : מיט
לענדער און פעלקער, ווי מיט באלן געשפּילט, מאזאָלעס און
מאסן אין זייערע קארעטעס געשפּאנט, מיט הארן און מעלאָכים,
ווי מיט קינדער, אָנגעפירט און הייליקע הימל־דינער די קעפּ
פארדרייט, — זײַנען איצט, בא די הײַנטיקע, צו זוינעס — אף
איין נאכט געוואָרן, פארן ערגסטן און פארן לעצטן, וואָס קומט
בעשאס שפּילן אין זייערע צימערלעך ארײַן, ברענגט זיי א
שמאָכטע און נעמט זיי אף אן אָוונט־מאָלצײַט און אף נאכטלעגער
נאָכן שפּילן... און ווען אונדזערע דערמאָנען זיי אמאָל, אונדזער
אן אלטן שפּילער ווען ער שטעלט זיך אוועק און מיטן קאָפּ אף
אזא פרוי שאָקלט, זיפצט און דערמאָנט זיי אָן גרויסן בארוף אָן
זייערן, — הייסט מען אים דאָס מויל עפענען, זען, וויפל ציין
ס׳איז אים נאָך פארבליבן... און א ו נ ד ז ע ר ע קלאָגן זיך מיר
אָפּט, אונטער א יאָנטעוו, ווען זיי שפּילן נישט (מיט שפּאָט) י אָ נ־
ט ע וו ש פּ י ל ט מ ע ן נ י ש ט ! — ווען זיי שטעקן מיר אלטע
וויזיטן אָפּ, קומען פון אמאָליקע גליקן שמועסן און אָן געוועזע־
נעם זיך דערמאָנען, קלאָגן זיך און די טעג זייערע פארשעלטן,

אף וואָס זיי זײַנען איבערגעגאַן און אף וואָס פאַר א מײַמעד איבערגעקומען, און זיי בעטן טרייסט בא מיר, און איך האַלט זיי אונטער, און זיי דערציילן מיר, אַז זיי זײַנען נאָך בא זייערע קויכעס אַלע, און אמאָל, און נאָכן קיבעד, וואָס איך בין זיי מעכאַבעד, פּרוּוון אויך אויס זייערע קויכעס... און אויך איצט (און ס'איצט יאָנטעוו בא זיי) און אויב דו ווילסט און באַגערסט, קאָן איך זיי א רוף טון און אהער ברענגען, זיי וועלן אונדז באַווײַזן, און איינע פון זייערע פאָרשטעלונגען פאָרשטעלן... הא?

זײַן צווייטע האַלב: — קאָנסט, און רוף זיי.

(דער אַקטיאָר נעמט דאַן דעם ברונעם אַרומרינגלען, אַרום און קײַ־לעכיק, איין מאָל, צוויי מאָל און דרײַ מאָל, און פון דער ערד, וואָס אונטער דעם ברונעם, פון דעם אונטערבעקן און אויבערבעקן הייבן דאַן אָן פאַרשווינען אויפגיין: אָרעמע און אָפּגעריסענע, מיט פּאַ־טשיילקעס אף די העלדזער און מיט היטלען - דאַשעקעס אף איבער די אויגן אַראָפּגערוקט, און די פאַרשווינען האַלטן זיך פרעמדלעך, מיט זײַטלדיקע און דערשראָקענע בליקן צוערשט, שעמען זיך פאַרן פרעמדן, זעען אים ווי אויסמײַדן און אף אים מיט די אויגן נישט צו קוקן. דער אַקטיאָר זעט דאָס, און אַז אַלע זײַנען שוין אין דער גאַנצער צאָל אַרויסגעקומען, אַזוי ווענדט ער זיך צו זיי):

דער אַקטיאָר: שעמט זיך ניט און פילט זיך פרײַ, מײַנע פרײַנט: ס'איז קיין בייז און קיין פרעמדער, דאָס בין טאַקע איך און מײַן צווייטע העלפט נאָר, און דאָס האָב איך זיך געשפּאָלטן אום מיר זאָלן א אוילעם און א מיווּן האָבן. און — זײַט באַקענט און פילט זיך היימיש.

(דער אוילעם נויגט זיך אָנקעגן גאַניקל, פריִער פאַרשעמטלעך נאָך, דערנאָך נעמען פון אונטער די דאַשעקעס אַפּיר דעם, וואָס אפן גאַניקל צו באַטראַכטן, און אַז זיי קוקן זיך אין אים אײַן, און דערזעען, אַז — ריכטיק, ס'איז זייערער און א היימישער, דערפילן זיי זיך נעעטער, נעמען זיך שוין פרײַ האַלטן, און צום אַקטיאָר, וואָס האָט זיי אַרויסגערופן, ווענדן זיך און פרעגן):

דער אוילעם: — וואָס שפּילן מיר?

(דער אַקטיאָר זאָגט זיי עפּעס, דער אוילעם אין אַלע זײַטן צעגייט זיך, אין די טירן פון די מויערלעך פאַרשווינדט, און עפּעס טוט



זיך און רירט זיך אין די מויערלעך ראַשיק. און דער אוילעם טוט זיך דאָרט איבער. און אין איניקע מינוט אַרום, אַז דער ערשטער קלונג שוין דערהערט זיך, ווענדעט זיך דאַן ווידער דער אַקטיאָר צום גאַניקל):

דער אַקטיאָר: — און איצט, אַז אַלץ איז גרייט און אַלעס פאַרטיק, און באַלד הייבן מיר אָן, און ביז דאָס צווייטע מאָל דער גלאָק וועט קלינגען האָבן מיר נאָר צײַט א ווײַלע, וויל איך זי אויסנוצן, די צײַט, און איך וויל נאָך עפּעס צוגעבן.

זײַן צווייטע העלפט: גיב.

דער אַקטיאָר: ווי דו ווייסט, האָט מען אונדז שוין מעיאעש געווען, מיר מיט מײַן קאַמפּאַניע דאָס לעבן אָפּגעזאָגט, אונדז פאַר פאַנטאַזיאָרן און נעכטיקע טעג געקרוינט און אף אונדזער צײַט אויוועראַבאָטל אויסגערופן... און פון וועלט און ווירקן האָט מען אונדז דערווײַטערט, און נאָר אין אַלט־שלעסער און אין קונסט־בינייאָנים קאָן מען נאָך וווּ־ניט־וווּ אונדזערע שפּורן — אונדזער געווער און אונדזערע קליידער, אונדזערע מאַסקעס און אונדזערע בילדער זען. זײַנען מיר באַליידיקט געווען זייער און די גאַנצע צײַט. זייער שפּיל און לעבן נאָכגעקוקט, און געזען, אַז נישטיק זײַנען זיי איןביידע: און לעבן לעבן ניט, און שפּילן איז שוין אָפּגערעדט, ווײַל געשפּאָלטן און געטיילט האָבן דאָס, וואָס ס'לאָזט זיך ניט טיילן און שפּאַלטן, און שפּיל און ווירקלעכקײַט איז איינס, און זיי האָבן זיי צעשיידט און ביידע האָבן אײַנטריקענען און אײַנדאַרן גענומען... און איינער אין א דאָר בא זיי, אין הונדערט יאָר א מאָל איינער, פלעג זיי אף זייער זינד און אף זייער באַגאַנגענער אָנווײַזן: זיי אף אונדזערע קוואָרים פירן, און בא זיי פאָדערן און מאָנען, אַז זיי האָבן עפּעס לעבעדיקעס דאָ באַגראָבן, און דאָס באַגראָבענע לעבט און שרײַט פון דר'ערד אַרויס — און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען... און אין זייערע שפּיל־הײַזער פלעג מען אונדז אמאָל נאָך ווען־ניט־ווען דערמאָנען, ווײַל שוואַכע געדעכענישן זײַנען דאָך נאָך פאַרבליבן, אָבער פון אונדזער עכטן און לעבעדיקן האָבן זיי א קאַטאָוועס און א נאַרישע צאַצקע געמאַכט: און אונדזערע עמעסע שווערדן זײַנען אין די הענט פון נישטן און

אידיאָטן איבערגעענטפערט געוואָרן, און אונדזערע קרוינען און באַקליידונג האָבן נאַרישע קעפּ און העלצער באַקליידט און באַקרוינט.. האָבן מיר דאָס צוגעזעען און אין אונדזער זאַך זיכער געווען, און די צײַט, וואָס נאָך אונדז, האָבן מיר פאַר א יערידע געהאַלטן, און דאָס ווירקלעכקײַט — פאַר פאַרשוועכונג פון עכטן, און איך און מײַניקע האָבן אָפּט אונדזערע ראָלן געכאַזערט און פאַר זיך אַליין אונדזערע פאָרשטעלונגען פאָרגעשטעלט, ווײַל זיכער און באַגלויבט זײַנען מיר געווען, אַז אונדזער שפּיל איז נישט אויסגעשפּילט... און טאַקע: די לעצטע צײַט, ווי דו ווייסט, האָבן זיי אַליין שוין זייער נישטיקײַט דערזעען, און אַז מוזן מוזן זיי זיך אָפּפרישן, און אַז מיר האָבן זיי וואָס אונטער דער הויט אַרונטערצולאָזן, און זיי לאָזן זיך און זיי רופן אונדז, זיי פרעגן זיך נאָך אונדז און האַלטן באַ אונדז אויסגראָבן...

(ס׳דערהערט זיך דער צווייטער קלונג, דער אקטיאָר נעמט זיך צואײַלן, ווענדעט זיך פון גאַניקל אָפּ, און אַרום די מויערלעך און פאַרבײַ אַלע טירן גייט אַרום, גייט אַרום, און פון טיר צו טיר, און נעמט קלאַפּן און זיך אָנפרעגן):

**דער אקטיאָר:** פאַרטיק?

— פאַרטיק! (הערט זיך פון אַלע מויערלעך און פון פאַרשיידענע זײַטן).

**דער אקטיאָר:** און אַלעס גרייט?

— גרייט! (הערט זיך ווידער פון די מויערלעך).

**דער אקטיאָר:** איז גיט דעם דריטן קלונג.

(ער אַליין שטעלט זיך דאַן אין א פּאָזע אַוועק, הייבט דאַן פײַערלעך זײַן האַנט און זײַן שטימע אויף און זאָגט):

**דער אקטיאָר:** אין נאָמען פון שפּיל און קאָרטן, פון ערד און זאַלץ און פון פּאָנעם און מאַסקע — הייבן מיר אָן! (צו די מויערלעך) פאַרטיק?

— פאַרטיק! (הערט זיך).

**דער אקטיאָר:** און אַלעס גרייט?

— גרייט! (הערט זיך).

(דער אקטיאָר נעמט דאַן אַרום דער סצענע און אַרום די ווענט אַרומלויפן, אַרום און קײַלעכיק איין מאָל, צוויי מאָל און דרײַ מאָל, ביז.



ער קומט צו דער מיט און אף זײַן פריערדיקן אָרט אַרויף, און בלײַבט שטיין, און שטיל, און מיטן פּאָנעם צום גאַניקל געווענדעט. ס׳דערהערט זיך דער דריטער קלונג. דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ, איז אייניקע מינוט אַראָפּגעלאָזט, דאַן הייבט זיך ווידער אויף און ס׳שטעלט זיך פאָר):

## ערשט בילד

די סצענע ווי פריִער און ווי בעייסן פאָרשפּיל. דעם אקטיאָרס צווייטע העלפט אפן זעלבן אָרט, אף זײַן גאַניקל, זיצט. אַליין נאָר די מויערלעך און דער פּלאַץ, וואָס פאַר די מויערלעך, האָבן זיך ווי אַראָפּגעזעצט און עפּעס אַראָפּגענידערט, און דעם מאַרקברונעם איז שוין נישט צו זען, און אף זײַן אָרט איז איצט א שטול אופגעשטעלט. אפן שטול — דער אקטיאָר, א געקרוינטער האַר איצט זיצט, זײַן פּאָנעם איז דאַר און בייבעריק, זײַנע אויגן — טיף און זײַן קין-באָרד — אַרויסגערוקט און אייניקע געלע האָר נאָר באַברוימען אים דעם קין-באָרד. אייבער אַן אַקסל איז אַראָפּגעלאָזט באַ אים, זעט אויס, ווי קרומלעך און הינקענדיק אין זיצן, און באַ דער האַנט א שטעקן האַלט ער, אף אין אים זיך אָנצושפּאַרן און זיך אָנצולענען בעשאַס זיך אופשטעלן. באַ זײַן רעכטער האַנט שטייט א פאַרשוין מיט א בוך אין איין האַנט און מיט א געגנדזענער פעדער אין דער צווייטער. דער האַר טוט מיטן שטעקן אין באָדן א קלאַפּ. עס נעמען מיטאַמאָל פאַרשוינען-רוכעס און האַלב-רוכעס זיך באַווײַזן, אַלע אונטערטעניקע און ווי דערשלאָגענע, ציטערנדיק באַ די זײַטן רוקן זיך, האַלטן זיך ווײַטלעך, קומען דאָך זיך צונויף און שטעלן זיך ווי־ניט-איז אַוועק מיט מוירע. דער האַר טוט א צווייט מאָל און א דריט מאָל א קלאַפּ. עס רוקט זיך א פאַרשוין אַרויס, אין אַנגסט און אין מוירע, מיט דער רעכטער האַנט האַלט זיך פאַר זײַן אויג דעם רעכטן. ס׳טוט אים וויי, זעט אויס, און ער קאָן מיט דעם אף דער שײַן נישט קוקן; אויך — קאַם וואָס ער גייט, אָבער גיין מוז ער. ער קומט צו דער שטול און צו דער נאָענט צו, און טוט מיטן פּאָנעם און מיטן אויג דעם קראַנקן צו דער ערד א פאַל.

**דער פאַרשוין:** מײַן האַר, כ׳האָב דײַן שליכעס געטון.

**דער האַר:** און נו?

**דער פאַרשוין:** און איך בין ניזק געוואָרן,

דער האר: (בייז) וואָס פאר א שליכעס און וואָס פאר א העזעק?

דער פארשוין: דער בישאָף פון אונדזער געגנט האָט זיך אליין און צופוס אין הייליקן לאנד און צום הייליקן קייווער געלאָזט, און איך האָב געוווּסט דערפון, און איך בין דערפון געווירע געוואָרן. און אין דער ערשטער נאכט, ווען ער איז אין וואלד אָנגעקומען און אף דער דאָרטיקער און שטילער סטעזשקע געגאנגען, און אופגעלעבט איז ער געווען זייער, און פון היימלעכקייט וועגן האָט אין וואלד־שטילקייט פסוקים און געזאנגען פון טילים געזונגען, — האָב איך אים באגעגנט און אין א מויד זיך פארשטעלט, אים פארעדט און אים אן אויסרייד דערציילט, און ער האָט מיך אונטערפירן באדארפט און אפן וועג בין איך אים געפעלן און איך בין מיט אים איניינעם געגאן און אפן וועג האָט ער שוין אף מיר געקוקט אלע ווײַלע, און לעסאָף, און צום סאָף פון דער נאכט, איז ער שוין מיט מיר געלעגן, און נאָך א האָר, און ער האָט מיט מיר זינדיקן געזאָלט...

דער האר; (בערויגעז) געזאָלט?

דער פארשוין: יאָ. אָבער פאר טאָג און אין דער לעצטער מינוט בין איך ניט געהיט געווען, און ער האָט אף מײַן שטערן א הארטס און מײַן האָרן אָנגעטאפט, האָט ער זיך געכאפט... און טאָג איז שוין געוואָרן, און ער האָט מיך אין פּאָנעם דערזעען און מיך דערקענט... איז ער אופגעשפרונגען און אף מיר מיט פוס אָנגעטראָטן, און געשטאנען און מיך געהאלטן, אויסגעווארט; און ביז די זון איז אופגעגאן... און אז זי האָט אופגעשײַנט; און אז איר ערשטער שטראל האָט אין וואלד ארײַנגעלויכטן, האָט ער מיך גענומען און מיטן פּאָנעם צום שטראל אָנגעשטעלט, און איך האָב זיך געווערט, אָבער ער איז שטארקער געווען און ער האָט מיך גענויט און פעסט געהאלטן, און אן אויג האָט ער מיר געעפנט, און גלײַך קעגן שטראל דעם הייסן, און דער שטראל האָט מיר דאָס אויג אויסגעבראָטן און דאָס אויג איז בלינד און האלט אין רינען... מײַן האר...

דער האר: און ווײַטער?



דער פארשוין: און ער האָט מיך אָפּגעלאָזט און אזוי געזאָגט: און איצט גיי און לאָד מיך, צו... (ער פארהאקט זיך, פארענדיקט ניט).

דער האר: צו וועמען?

דער פארשוין: (ציטערנדיק) צו דײַן געלן און דײַן קרומען, און מער צו קיין בישאָפן, האָט ער געזאָגט, זאָלסטו זיך שוין ניט ווײַזן, און מער צו אזוינע שליכעסן וועסט שוין נישט טויגן... מײַן האר, זײַ מיר מויכל (ער בייגט זיך און שלאָגט מיט גרויס האכנאָע דעם קאָפּ אין דר׳ערד).

דער האר: שטיי אוף און פארנעם זיך. (צו די זײַטיקע) נעמט אים, גיט אים רעפּועס צום אויג, און שמיץ צו זײַן ווייטיק, און, נישקאָשע, ער וועט נאָך טויגן און נוצן ברענגען (צום שרײַבער) און דו, שרײַבער, פארשרײַב, און זאָלן אונדזערע געדענקען: מיט סאָף נאכט און אָנהייב טאָג זיך ניט שפּילן, און פארשטעלן זיך און שפּילן אליין איז נאָך ניט קיין זאך, און מ׳מוז נאָך אויסשפּילן...

(דער פארשוין ווערט אָפּגעפירט, דער שרײַבער שרײַבט. אין דער מינוט רוקט זיך פון פארשוינען-אוילעם נאָך א פארשוין ארויס, פארנויגט זיך און זאָגט):

דער פארשוין: מײַן האר, צו דער מײַסע פון דעם געשעדיקטן האָב וואָס צוצוגעבן.

דער האר: גיב.

דער פארשוין: דער בישאָף איז א פרומער און א גלויביקער זייער... ער האָט פון זײַן עפּארכיע אלע קישעפמאכער און שווארץ־קינסטלער אויסגעראמט, אלע אפּיקאָרסים און אומגלויביקע צום טויט פארמישפּעט, און אויך אלע ייִדן פון געגנט און פון א ר ו ם דעם געגנט פארייאָגט און די רעכט זיי גערויבט, און נאָר איינעם א לעצטן ייִדן האָט געלאָזט בא זיך, ער זאָל זײַן גלויבנס־סוינע באשטענדיק פאר די אויגן האָבן, און איר שטראָף און קלאָלע טאָמיד אף איר פארשאָלטענעם צו זען... און דעם איינעם ייִדן האָט ער געלאָזט, און דער ייִד האָט בא אים געלעבט, און דאָס פאָלק, ווען ס׳באגעגנט אים, אין פּאָנעם שפּײַט אים, און דער בישאָף, ווען ער דערזעט אים, ציילעמט די לופט די אומריינע... און דער ייִד איז ווי א קרעציקער, אויסער מענטש און

אויסער געזעץ געשטעלט, און אין ערגעץ טאָר ער זיך ניט ווייַזן, און דאָרט, וווּהין דעם בישאָפּס פאָלק קומט, טאָר זייַן פוס נישט רטעטן, און אָפּגעזונדערטערהייט זייַן אָרעמען און אָפּגעזונדערטן גלויבן דינט ער, און אפן בישאָפּס גלויבן — אף זייַנע קלויסטער־ביניאָנים, און אף די ציילעמער, וואָס אף די קלויסטערס, — איז אים פארבאָטן און ער טאָר קיין אויג און קיין בליק ניט ווארפן... האָט זיך אָבער געטראָפן: אין דער לעצטער צייַט א פארנאכט אמאָל, און דער ייִד האָט זיך דעמאָלט אין א זייַטנגאס בא די זייַטן פון די הייַזער גערוקט. און נישט ווייַט פון קלויסטער איז דאָס געווען, און די זון איז דאן פארגאן. און דער גאָלדענער ציילעם האָט געבליאסקעט און געשעמערירט גאָלדיק... האָט דער ייִד זייַן פּאָנעם אופגעהויבן און צום שפּיץ קלויסטער עס געווענדט, און אזוי ווי דאָס גאָלד־שייַן האָט געבלענדט שטארק און קוקן דערוף איז שווער געווען, האָט דער ייִד איין אויג, דאָס לינקע, פארמאכט, און מיטן אנדערן, מיטן רעכטן, אפן ציילעם געקוקט: צי פאר קינע צום גלויבן צום פרעמדן, צי ווי א מייוון, וואָס האָט דאָס גאָלד געשאצט, איז נישט באווּסט, נאָר ווי ער איז אזוי געשטאנען און מיטן איינעם אויג זיך געהאלטן, אזוי האָבן קינדער, וואָס האָבן זיך אין גאס געשפּילט, א קאָל, א שרעק און א ליארעם אופגעהויבן, און אז דער בישאָף, וואָס איז גראָד דעמאָלט דאָרט פארבייַגעגאן און בא די קינדער, וואָס זיי שרייַען, געפרעגט, אזוי האָבן אים יענע אָנגעוויזן: — „אָן, דאָרט... אָט שטייט ער... דער ייִד...“ און זיי האָבן אים נאָכגעקרימט, איין אויג פארמאכט און מיטן צווייטן צום ציילעם געווענדט: „אָט אזוי האָט ער געקוקט“, און אָט אזוי האָבן די קינדער דעם ייִדן פארן בישאָף פארמאסערט... און דער בישאָף האָט זיך זייַן גלויבנס־קינע אָנגענומען, און אף מאָרגן, און דער ייִד איז שוין צו אים גערופן געוואָרן און פארן בישאָפּס געריכט זיך געשטעלט, זיך געשטעלט און אָן טייַנעס און אָן מייַנעס זייַן פּסאק אויסגעהערט: דאָס אויג, וואָס האָט דאָס הייליקייַט פארשוועכט, זאָל אויסרינען... און מ׳האָט עס דעם ייִדן געטון, מ׳האָט אים אויסגעשטאָכן דאָס אויג, און אויסער אלע סימאָנים, וואָס מ׳האָט אף



אים צו דערקענען, איז אים נאָך א סימען צוגעקומען... מייַן האר, אָט דאָס האָב איך צוגעבן געהאט.

דער האר: און דייַן וואָרט איז וואָר און די מייַסע איז נישט אויסגעטראכט?

דער פארשוין: פאר מייַן האר איז גאָרנישט ניט פארהוילן.

דער האר: (שוין אומגעדולדיק, פון שטול זיך א הייב טוענדיק; צום שרייַבער): שרייַבער, שרייַב: און אז לייקענער און ייִדן שטייען אונטער שוץ, אונטער אונדזערן, און די לייקענער זייַנען געגעבן, אז גלויביקע זאָלן זייער גלויבן פארדייען, און ייִדן — אז זיי זאָלן אים אויסברעכן... און שוץ איז שוץ, און רעכט איז רעכט, און דער בישאָף האָט אונדזערע רעכט איבערטרעטן... און זאָלן מיר דאָס געדענקען...

(ער גיט א ווּנק צום פארשוין ער זאָל אָפּגיין. יענער גייט אָפּ. אין דער מינוט באווייַזט זיך פון דער ראָד ארויס א דריטער פאר-שוין, פארנויגט זיך, בלייַבט שטיל, שווייַגט און וואגט נישט אָנהייבן).

דער האר: עפּעס צוצוגעבן?

דער פארשוין: יאָ, גנעדיקער.

דער האר: דערצייל און פארהאלט ניט, ווייַל די מאָס איז פול, און דעם בישאָפּס — האלט בא איבערגיין. כ׳הער.

דער פארשוין: נאָך דעם טרעפּעניש, וואָס ס׳האָט זיך מיטן ערשטן שאָלִיעך אונדזערן געטראָפן, האָב איך אין אייניקע טעג ארום מיטן בישאָף אף זייַן וועג זיך אָנגעשלאָגן... איך בין אין וואלד געלעגן און אף עפּעס געווארט, און ס׳איז באנאכט געווען און איך האָב אייַנגעדרימלט, און אין וואלד איז קיינער ניט געווען, — האָב איך גערוט... און פּלוצלים א קאָל דערהערט. דאָס איז דער בישאָף פארבייַ מייַן געלעגער דורכגעגאנגען, און מיט פּסוקים און מיט טילים־געזאנגען מיך פון מייַן שלאָף אופגעוועקט. האָב איך זיך באהאלטן און אים איבערגעווארט, און אז ער איז איבערגעגאן, האָב איך זיך הינטער אים געלאָזט און אים נאָכגעשפּאנט און איך האָב געהערט: אז ער האָט די געזאנגען פארענדיקט, האָט ער מיט זיך אליין ריידן גענומען, און אין די

רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איינער אַן אונדזעריקער איז פון אים שוין געשעדיקט געוואָרן, און איך האָב זיך געהיט און מײַנע טריט אים נישט הערן געמאַכט, און געהערט האָב נאָר, וואָס ווײַטער און וואָס נאָך וועט ער זאָגן... און ער האָט זיך אין איין באַרימען געהאַלטן, און מיטן הימלס הילף! — און ער שרעקט זיך נישט פאַר קיינעם. און פאַר קיינע שעליכים נישט פון רוף, און פאַרן רוף אַליין נישט אַפילו, און לאָז ער קומען און לאָז ער זיך ווײַזן, און ער וועט זיך מיט אים מיט די קוי־כעס מעסטן: „און — האָט ער צוגעגעבן — און וואָס איז אים וואַלד, און וואָס איז אים אַליין זײַן אין וואַלד, אַז זײַן וועג איז באַשטימט, זײַן ציל אַזוי הייליק, און פאַר וועמען זאָל ער מוירע האָבן“... האָב איך זיך אַף אַ בוים אַרופגעכאַפּט, און אַ קאָל, אַ פראַגע געלאָזט הערן: — „און פאַרן האַר, פאַר אונדזערן?“ — „ווער איז ער דען דײַן האַר?“ — האָט ער מיך אָפּגעפרענט און זײַן קאָפּ צום בוים אופגעהויבן. — „מײַן האַר איז דער, וואָס קאָן דיר דײַנע וועגן פאַרקרומען, מײַן האַר איז דער, וואָס האָט אין מענטשן־שפּיל זעלטן ווען פאַרשפּילט, מײַן האַר איז באַוווּסט“ — האָב איך געענטפערט. — „אַהאַ!“ — האָט ער אויסגעשריגן און זיך צעלאַכט, — „דער געלער און דער קרומער! רוף אים אַהער, רוף אים אַרויס און גיב אים איבער, אַז איך, דער בישאָף, דער און דער, פון יענער און יענער הייליקער עפּאַרכיִע, רוף אים אַף אַ וועט אַרויס, אין נאָמען“...

**דער האַר:** (אויסשרײַענדיק) גענוג! קיין נאָמען! (צום שרײַבער): שרײַבער, שרײַב: אין נאָמען פון אַלעם אונדזעריקן און וואָס אונדז איז געהאָרכזאַם, ער איז דרייסט, דער בישאָף, ער האָט זיך אַף גרויס פאַרמאָסטן, אָבער זײַן גרויס איז אַ וואָרעם, זײַן כוצפּע איז אַ ווערעמדיקע, און ווי אַ וואָרעם וועלן מיר אים צעטרעטן, טפוי!

**דער גאַנצער אוילעם:** טפוי, טפוי!

**דער האַר:** אַף זײַן קאָפּ!

**די גאַנצע פאַרזאַמלונג:** טפוי, טפוי!

**דער האַר:** (צום שרײַבער) שרײַבער, שרײַב נאָך: פאַר אָט די אויגן (עס באַווײַזן זיך פון ביידע זײַטן פון האַרס שטול צוויי געשטאַלטן, פון



דער רעכ ער זײַט דער ערשטער פאַרשוין מיטן אויסגעבראָטענעם אויג, פון דער לינקער זײַט עפּעס אַ ייִד מיט אַן אויסגעשטאָכענעם) פאַר אָט די אויגן, — און דעם בישאָף וועט זײַן ליכט צוגענומען ווערן, און דער בישאָף וועט פאַר זיי מיט זײַנע באַצאָלן... און — זײַן אַרויס־רוף נעמען מיר אָן, און מיר גייען אַפּן וועט מיט אים, און געכאַסמעט און באַשלאָסן און מיט אונדזער זיגל פאַרזיגלט!..

**די גאַנצע פאַרזאַמלונג:** געכאַסמעט און באַשלאָסן און מיט אונדזער זיגל פאַרזיגלט.

**דער האַר:** (באַפוילנדיק) און איצט — אונדזערע פרויען! רופט זיי אַרויס און זאָלן זיי זײַן דערבײַ...

(ער טוט אַ ווונק, און פון אַלע זײַטן, פון אַלע מויערלעך, פון אויבערשטאָקן און אונטערשטאָקן פרויען באַווײַזן זיך: גאַנץ אָנגעטונענע און האַלב־אָנגעטונענע, מיט שאַלן אַף די אַקסלען און אייניקע אָן שאַלן און אָן קאָפּטעס אַפילע. אייניקע באָרוועס און אייניקע מיט שיך און זאָקן, און אייניקע מיט איינע שוך און מיט איינע זאָקן, און אַלע ווילדע און פלינקע עפּעס, און אַלע מיט ציגײַנערשן באַגיין און האַלטן זיך... און טייל האָבן צירונג אין די האָר, אין די אויערן און אַף די ברוסטן, און טייל גאָר אָן צירונג, און אין מיטן פון אַלע אַליין די מאַלקע, די שענסטע — און די ווילדסטע זייערע — געקרוינט און געקליידט און אין מאַל־כעס דערהויבן)...

**דער האַר:** (צו דער מאַלקע זיך ווענדנדיק) ווער וועט אונדז גיין, מיר האָבן אַ שליכעס צו שיקן?

**די מאַלקע** (צו די פרויען קוקנדיק): אַלע.

**אַלע:** אַלע.

**דער האַר:** איז גוט און רעכט; — האָט זיך איינער אַ בי־שאָף, אַ נישטיקער באַרימער, אין באַוווּסטן לאַנד און צום באַ־וווּסטן קייוער זיך געלאָזט, האָט זיך אַפּן וועג שוין מיטן ערשטן אונדזעריקן אָנגעשלאָגן און אים געשעדיקט, און מער ווי געשע־דיקט, האָט אונדזער נאָמען געלעסטערט, און מער ווי געלעס־טערט, האָט די האָזע אונדז אַף אַ געראַנגל אַרויסצורופן... איז מען גרייט?

**די מאַלקע** (צו די פרויען קוקנדיק): גרייט?

**אַלע:** גרייט, גרייט!

**דער האר:** איז גוט און רעכט, און דערווײַל איז מען פרײַ, און ביז מ׳וועט רוטן...

(ער טוט מיט דער האנט אף אָפּגיין א ווײַז, און אלע פרויען, און נאָך זיי די מענער, און אלע גייען אָפּ אהין, פונוואנען זיי זײַנען ארויסגעקומען. פון גאנצן אוילעם בלײַבט איבער נאָר א דינער. אז אלע גייען אָפּ און די סצענע בלײַבט ליידיק, ווענדעט זיך דער האר צו דעם, וואָס איז די גאנצע צײַט אפּן גאניקל געזעסן און אלעס פאָרגעקומענע צוגעזען, ער טוט אף אים א קוק און דאן צום דינער א באפויל)

**דער האר** (צום דינער)**:** ווײַן און צוויי בעכער!

(דער דינער לויפט אָפּ און ברענגט, וואָס מ׳האָט געהייסן, גיסט די בעכערס אָן, איינעם גיט דעם האר אין האנט, דעם צווייטן — זײַן צווייטער העלפט. אָפּגעטון — באקומט א ווונק פון האר אף אָפּגיין און פארשווינדן. ער גייט אָפּ. אף דער סצענע דאן נאָר דער האר און דער, וואָס אפּן גאניקל, בלײַבן).

**דער האר:** (צו זײַן צווייטער העלפט) און איצט, אז דו ביסט בא אונדזער אָנהייב געווען און אונדזער זאך אויסגעהערט, און געוויס פילסטו אונדז מיט, און געוויס וועסטו אויך בא אונדזער פרייד און ניצאָכן בײַזײַן, מוזטו דערום באלד אין וואלד אוועקגיין, דאָרט, ווו מיר וועלן דעם בישאָף געפינען, און דאָרט, ווהין אויך איך וועל אָנקומען. און איך גלויב, אז רויִק בלײַבן וועסטו שוין נישט קאָנען, און איך בין פארזיכערט, אז פון איצט אָן וועסטו שוין אין אונדזער שפּיל אן אָנטייל נעמען, — טרינק איך דערום פאר דיר און פאר דײַן אָנטייל, פאר דיר און פאר אלע אונדזעריקע, פאר אונדזער שפּיל און פאר דער צווייטער סצענע...
צו געזונט!

**זײַן צווייטע העלפט:** מיר טרינקען!

(ביידע טרינקען שטיל און לאנגזאם, און בעיס זייער טרינקען און די קויסעס בא די מײַלער אָנגעבויגן האלטנדיק, נעמט דער פאָרהאנג פאמעלעך־פאמעלעך זיך אראָפּצולאָזן).



# אין מידבער.

עפנט זיך אלע נאכט אין הימל א פענצטערל אוף שטעקט זיך דורך דאָרט א קאָפּ ארויס און זאָגט:

— ווער ס׳איז א וואכנדיקער אצינד, ווער ס׳איז אף נאכטלעגער אין פעלד געבליבן, אָדער ווער אין א שטאָט און אין א גאס אן עלנטער. זאָל ער אהערצו צוגיין, זאָל ער א האנט אויסשטרעקן, וועט מען אים ארופנעמען, וועט מען אים ארופברענגען.

דערזעט און דערהערט דעם קאָפּ ווען עמעצער, שטעלט ער זיך אונטער דעם פענצטערל און אונטער דעם הימל־אָפענעם אנידער, טוט ער, ווי מ׳האָט אים געהייסן, ווערט ער אין הימל אופגעבראכט, אין שטילן און אין דעמאָלטיקן, אין הויכן און אין באנאכטישן. דערזעט ער דאָרט:

ווײַט און פארלאָזט, ווי אופגעראָמט און אָפּגעליידיקט זעט דאן דער הימל און זײַן ווײַטער שעטעך אויס, פינצטערלעך און ווי נאָך אן אָוונט־געבעט, אנשוויגן און צוגעשלאָגן, ווי א געבעט הויז נאָך אָוונט; איז דאָרט דרימלענדיק און פוסט ארום, שלאָפט דאָרט אלץ, און ווי אף דער ערד דער שלעפעריקער, נאָר ווײַט און אין א ווינקל ערגעץ א שײַן אמאָל באווײַזט זיך, א שוואכע און א צאנקענדיקע, א פון־ווײַט־קומענדיקע און קאם־לײַכטנדיקע. גייט מען אהין צו, דערזעט מען דאָרט:

ארום א פײַערל, ארום אף־א־באָדן־ברענענדיקס עפּעס א הימל־איידע זיצן. אן אלטע און אף נאכט פארבליבענע, נישט קיין שלאָפנדיקע און וואָס טאָמיד אף די באנאכטן בלײַבט; זיצן זיי דאָרט ארום פײַערל אויסגעזעצט, אלע זײַנען זיי ערנסט און אין דער שאָ דער דעמאָלטיקער, שטילע און בארוטע — און אין דער